ב"ה, ראש חודש סיון, ה'תשל"ב
ברוקלין, נ.י.

לכבוד
מר חיים שי' גראדע

שלום וברכה:

ס'איז שוין א לענגערע צייט ווי איך האב פון אייך ניט געהערט דירעקט, אבער איך האב זיך נאכגעפרעגט און באקומען גרוסן וועגן אייך דורך געמיינזאמע פריינד. דערצו, בשעת מ'וויל האבן א גרוס פון איינעם וואס איז באשאנקען געווארן מיט א ליטערארישן טאלאנט, איז דאך איינער פון די וועגן א קוק טאן וואס עס איז לעצטנס פארעפנטלעכט געווארן פון זיין פען. דאך קומט עס ניט צו א דירעקטן און פערזענלעכן גרוס.

דעריבער האט מיר שפעציעל געפרייט וואס עס איז אנגעקומען א בריוו פון אייער פרוי אין סעקרעטאריאט, וואס גיט מיר די געלעגנהייט צו שרייבן אייך די שורות און אויך בעטן איבערגעבן אייער פרוי א דאנק פארן גרוס און פאר שאפן מיר די דאזיגע געלעגנהייט.

וועל איך אנהויבן מיט א באמערקונג וועגן אן אויסדרוק אין אייער פרוי'ס בריוו און רעאגירן אויף דעם, און מסתמא וועט איר עס אויך איבערגעבן אייער פרוי מיט א צוגאב הסברה אויב נויטיג, כאטש ווי איך פארשטיי נויטיגט זי זיך ניט אין דעם. איך פארוף זיך אויף דעם וואס אייער פרוי שרייבט, אז איר זייט "א מאדערנער איד מיט א מתנגדיש-ליטווישער טראדיציע".

מיין מיינונג אין דעם איז, אז דער עצם ווארט "מתנגד" איז דאך אן ענין פון שלילה, א נעגאטיווע באציאונג צו עפעס, וואס דערפון איז פארשטאנדיג, אז ווען מ'זעט אז מ'האט געמאכט א טעות אין חשבון און די זאך איז גאר א פאזיטיווע, פאדערט זיך ניט אין דעם א קארדינאלער שינוי, נאר עס ווערט ממילא און אטאמאטיש בטל די התנגדות. וואס עס פאדערט זיך יא איז צו האבן די שטארקייט בא זיך ארויסצוזאגן זיך וועגן דעם עפנטלעך, אז ניט קוקנדיג אויף דעם וואס מ'איז אויפגעוואקסן אין א חינוך און סביבה וואו עס האט געהערשט א פאראורטייל וועגן דער זאך, איז אבער אז מ'דערזעט דעם אמת, אקצעפטירט מען עס.



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
ניצוצי אור מארכיוני הרב ניסן מינדל ע"ה עמוד מס: 46 הודפס ע"י אוצר החכמה

פון אונזער טרעפן זיך בא חסידישע פארברענגענישן און פון דעם וואס איך האב געהערט וועגן אייך, און אויך אייער קארעספאנדענץ, און ליטעראריש ווערק, איז בא מיר קיין ספק ניט, אז גים קוקנדיג אויף דער אזוי-גערופענער מתנגדישער טראדיציע, איז אבער די ווארעמקייט מיט וועלכע אייער שרייבן איז דורכגעדרונגען אין פולסטן איינקלאנג מיט א חסידישן געפיל. איך גלויב, אז איר פילט דאס אליין אויך, און וואס איז נאך מער נוגע, אז אייערע לייענער פילן דאס אויך, זעענדיג אז אין אייער באשרייבונג פון א "מתנגד" שפוגלט איר אריין אין דעם געפילן וועלכע זיינען געשעפט געווארן פון חסידישע קוואלן.

על דרך זה געט איך א שטעלונג אויך צום אנמאנג פון דעם אויבנ-דערמאנטן אויסדרוק – "מאדערנער איד". ווארום דער באגריף "מאדערנער" איד, וואס איז געשאפן געווארן דורך דער אזוי גערופענער "השכלה בת השמים" איז דאך שוין לאנג ארויס פון דער מאדע, און, פארקערט, וואס מער באמת "מאדערן" א איד איז היינט, אלץ ווייטער איז ער פון יענער מאדערנישקייט וואס האט געשאפן א ריס צווישן יהודי באוהלך און אדם בצאתך און האט אזוי ווייט מלחמה געהאלטן מיט דעם יהודי באוהלך, ביז די האט געמאכט פון דעם יהודי א משרת און נאכ-שלעפער צום דעם אדם, לייען "גוי" להבדיל. דער היינטיגער איד איז דוקא א שטאלצער איד און ווערט אלץ נענטער צו דער אלט-נייער תורה, וואס כאטש זי איז געגעבן געווארן מיט ארום 3500 יאר צוריק, איז נאך נייע און פריש, לויט דעם אויסדרוק פון חכמינו ז"ל בכל יום יהיו בעיניך כחדשים. און דאס זעט מען בפרט בא אידן וועלכע זיינען געווען אונטערדרוקט דעם קאמוניסטישן רעזשים העכער א יובל יארן און זיינען געבליבן אידן און ארויסגעקומען פון דארט אידן, וואס איז לײדער ניט אזוי מיט די וועלכע האבן זיך געהאלטן בא פארשידענע "איזמען".

אן ענלעכע מענדשן זעט מען אויך אפילו אין געביט פון דער וויסנשאפט, וואס דוקא אין דער מאדערנער צייט האט זי גענומען א נייע ווענדונג אין דער ריכטונג פון זוכן אלץ מער אחדות אין דער גאנצער וועלט, פונקט פארקערט ווי מיט א 100 יאר צוריק, ווען די וויסנשאפט האט געהאלטן, אז די וועלט איז פארטיילט אין פארשידענע באזונדערע געביטן או"וו. דערצו האט אויך דוקא די מאדערנע ארכע-אלאגיע באשטעטיגט די ריכטיקייט פון די דערציילונג פון תנ"ך, אנטקעגן די אזוי גערופענע משכילים און אנהענגער פון "אידישער



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ניצוצי אור מארכיוני הרב ניסן מינדל ע"ה עמוד מס: 47 הודפס ע"י אוצר החכמה

וויסנשאפט" וואס איז ארויסגעוואקסן פון דייטשלאנד, דאס דעלבע לאנד וואס האט ארויסגעגעבן די דייטשע "קולטור", איינגעשלאסן היטלער און זיינע יורשים י"ש.

פסתם איז דער בריוו לענגער ווי איר האט גערעכנט. איך מיין אבער, אז אפשר איז ער גאר צו קורץ בערך צו די ענינים פון זיין אינהאלט.

איך וועל פארענדיגען מיט דעם טראדיציאנעלן וואונש פון פיל דורות אין צוזאמענהאנג מיט חג השבועות, זמן מתן תורתנו, הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה - צו מקבל זיין די תורה בשמחה ובפנימיות, צוזאמען מיט אייער פרוי תחי', לאורך ימים ושנים טובות.

בכבוד ובברכה



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה
ניצוצי אור מארכיוני הרב ניסן מינדל ע"ה עמוד מס: 48 הודפס ע"י אוצר החכמה

נ.ב. איך ערלויב מיר צו שרייבן דאס פאלגנדע, און עס איז זעלבסטפארשטענדלעך פארוואס דאס קומט אויף א באזונדערע זייטל, און דאס איז,

וויסנדיג אייער באציאונג צו ידידנו פרעז. זש"ר שליט"א, און וויסנדיג אז איר האט גענומען אן אקטיוון אנטייל צו מאכן לייכטער זיין באזוך בא מיר, ניט קוקנדיג אויף די וועלכע האבן דאס ניט געוועלט צולאזן,

ערלויב איך מיר צו מאכן דעם פארשלאג, אז איר זאלט פארשטארקן אייער פארבונד מיט ידידנו, ספעציעל אין די טעג פון טיפער איבערלעבונג פאר אים מצד דעם שינוי אין זיין אפיציעלן מצב וכו׳. און מסתם וועט איר מעורר זיין אויך אנדערע, וועלכע שטייען אונטער אייער השפעה, צו טאן אזוי.

אזוי ווי איר זייט נאענט באקאנט מיט זיין מהלך הנפש, וועט איר זיכער געפינען דעם פאסנדן וועג אויף דעם, ודברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב ופועלים פעולתם. עס איז זיכער ניט נויטיג מאריך צו זיין אין דעם פאר אייך.

מצד אם דער נקודה ווערט דער בריוו געשיקט "ספעשל דעליווערי".



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ניצוצי אור מארכיוני הרב ניסן מינדל ע"ה עמוד מס: 49 הודפס ע"י אוצר החכמה